**NEW YORK STATE | Department of Health**

**CCHD**
**Critical Congenital Heart Disease**
health.ny.gov

**אינפֿאָרמאַציע פֿאַר עלטערן און גארדיענס**

# קריטישע קאנזשעניטעל הארץ קראנקהייט
# (Critical Congenital Heart Disease, CCHD)

## פולס אקסימעטרי סקרינינג פאר CCHD

### וואס איז ניי-געבוירן סקרינינג?
ניי-געבוירן סקרינינג איז א פשוט'ע וועג צו זען אויב אייער בעיבי האט סיי וועלכע ערנסטע געזונטהייט צושטאנדן וועלכע דארפן גלייך באהאנדלט ווערן.

### וואס איז קריטישע קאנזשעניטעל הארץ קראנקהייט?
קריטישע קאנזשעניטעל הארץ קראנקהייט איז א מעדיצינישע צושטאנד. עס פאסירט ווען א בעיבי'ס הארץ אדער די הויפט בלוט אדערן נעבן די הארץ ווערן נישט ריכטיג געפארעמט. די הארץ וועט מעגליך נישט גוט ארבעטן און עס וועט מעגליך נישט זיין גענוג אקסיזשען אין די בלוט.

### פארוואס איז וויכטיג צו סקרינען בעיביס פאר CCHD?
געוויסע בעיביס מיט א הארץ פעלער קענען אויסקוקן געזונט אין אנפאנג. אויב די בעיביס ווערן אהיימגעשיקט איידער זיי ווערן גע'סקרינ'ט, האבן זיי א ריזיקע פאר ערנסטע קראנקהייט אדער טויט.

### וויאזוי מאכט מען א סקרינינג פאר CCHD?
טייל פון די סקרינינג איז א טעסט וואס ווערט אנגערופן פולס אקסימעטרי, וועלכע ווערט אפטמאל אנגערופן "pulse ox". עס קען טרעפן שעדליכע הארץ צושטאנדן פרי. די טעסט מעסט די מאס אקסיזשען אין די בעיבי'ס בלוט און זייער פולס ראטע.

פולס אקסימעטרי איז שנעל, גרינג, און טוט נישט וויי. א קליינע, ווייכע סענסאר ווערט ארומגעוויקלט ארום די בעיבי'ס הענט און פוס. אלס טייל פון אלגעמיינע ניי-געבוירן סקרינינג, וועט יעדע בעיבי וועלכע ווערט געבוירן אין ניו יארק סטעיט האבן א פולס אקסימעטרי סקרינינג נאך 24 שעה פון לעבן צו זען אויב עס זענען דא צייכנס פון CCHD. ווארטן 24 שעה ערלויבט די בעיבי'ס הארץ און לונגען זיך פולקאם איינצוגעוואוינען צו לעבן אינדרויסן פון איר מוטער.

### וואס פאסירט אויב די פולס אקסימעטרי ליינונג איז נידעריג?
געוויסע בעיביס וועלן האבן א נידריגע pulse ox (נידעריגע אקסיזשען שטאפל ליינונג). אייער העלט קעיר פראוויידער וועט באשליסן אויב מען דארף מאכן נאך טעסטס. אייער בעיבי וועט מעגליך דארפן אן עקסרעי אדער אן עלעקטרא-קארדיאגראם ("EKG"), און/אדער אן אלטראסאונד. אן אלטראסאונד פון די הארץ ווערט אנגערופן א הארץ ווידערקול אדער עקא-קארדיאגראם.

אייער העלט קעיר פראוויידער קען רעפערירן אייער בעיבי צו א קינדער הארץ ספעציעליסט (קארדיאלאג) אדער אנדערע ספעציעליסטן.

א נידעריגע אקסיזשען שטאפל מיינט נישט אייביג אז א בעיבי האט CCHD. געוויסע געזונטע בעיביס קענען האבן א נידעריגע אקסיזשען שטאפל ליינונג בשעת זייער הארץ און לונגען טוען זיך איינגעוואוינען נאכ'ן געבורט. עס קען זיין אנדערע צושטאנדן וועלכע פאראורזאכן אייער בעיבי צו האבן די טעסט רעזולטאט.

### וואס דארפן עלטערן וויסן?
מערסטנס בעיביס וועלכע מאכן אדורך די פולס אקסימעטרי סקרינינג וועלן נישט האבן ווארענונג צייכנס פון CCHD. עלטערן זאלן זיין וואכזאם פאר ווארענונג צייכנס אזויווי א בלויע קאליר אויף די ליפן אדער הויט, קרעכצן ביים אטעמען, שנעלע אטעמען, עפענונג פון די נאז לעכער ביים אטעמען, שוואכע אפעטיט, עקסטרעמע מידיגקייט, און שוואך צונעמען וואג. אויב אייער בעיבי האט סיי וועלכע פון די צייכנס, רופט אייער בעיבי'ס העלט קעיר פראוויידער זאפארט.

### מיט וועם קען איך זיך פארבינדן אויב איך האב נאך פראגעס איבער ניי-געבוירן סקרינינג פאר CCHD?
פרעגט אייער בעיבי'ס העלט קעיר פראוויידער איבער ניי-געבוירן סקרינינג אדער באזוך:

**צענטערן פאר קראנקהייט קאנטראל און פארמיידונג (Centers for Disease Control and Prevention)**
cdc.gov/heart-defects/screening

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון געזונטהייט (New York State Department of Health)**
health.ny.gov/community/infants_children/critical_congenital_heart_disease_screening/